**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/29/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט פריע פארענדיגונג אין 2024 פון ענווייראמענטאלע אפשאצונג פאר קענזינגטאן עקספרעסוועי פראיעקט

***אנהויב פון פראיעקט אין איסט באפעלאו ערווארטעט ביז סוף 2024***

***ענווייראמענטאלע אפשאצונג שוין אונטערוועגס און וועט פארענדיגט ווערן אין ווייניגער פון צוויי יאר***

***נייע וועבזייטל עפנט זיך היינט איף אלץ טייל פון אנגייענדע פראצעדור צו ארבעטן מיט די פובליק***

***צוויי פובליק סקאָופינג באגעגענישן וועלן אפגעהאלטן ווערן אום יוני 30 ביי די Buffalo Museum of Science***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז אן ענווייראמענטאלע אפשאצונג פאר דעם קענזינגטאן עקספרעסוועי פראיעקט איז אונטערוועגס און וועט פארענדיגט ווערן אנהויב 2024, עפענענדיג די טיר צו די מעגליכקייט שוין צו אפהאלטן אן אפיציעלע הנחת אבן הפינה ביז די ענדע פון די יאר. א נייע וועבזייטל ווערט אויך געעפנט בעפארשטייענדיג צוויי פובליק סקאָופינג באגעגענישן (באגעגענישן צו אויסהערן קאמענטארן פון די פובליק) וועלכע וועלן אפגעהאלטן ווערן ביי די Buffalo Museum of Science אום יוני 30.

"אין די צייט ווען איסט באפעלאו און אלע ניו יארקער זענען נאכאלץ ערשיטערט פון די שוידערליכע טעראר אטאקע וואס איז פארגעקומען ביי Tops Supermarket פארגאנגענעם חודש, בין איך קאנצעטרירט יעצט צו אויפהייבן די קאמיוניטי אריין אין די צוקונפט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די קענזינגטאן עקספרעסוועי פראיעקט איז א היסטארישע געלעגנהייט צו פאררעכטן אן אומרעכט פון די פארגאנגענהייט דורכן פאראייניגן קאמיוניטיס, שאפן דזשאבס און אויפטרייבן עקאנאמישע וואוקס דורכאויס די גאנצע ראיאן — העלפנדיג בויען א לעכטיגערע צוקונפט פאר איסט באפעלאו."

די היינטיגע אנאנס בויט אויף גאווערנער האקול'ס פארפליכטונג צו מחזק זיין איסט באפעלאו נאכפאלגנדיג די ווייסע סופרעמאסיסטישע טעראר אטאקע פארגאנגענע חודש ביי Tops Supermarket. אום יוני 18, האט די גאווערנער באזוכט איסט באפעלאו צו אנאנסירן 50 מיליאן דאלאר אין געציהלטע אינוועסטירונגען אלץ טייל פון די סטעיט'ס אנגייענדע באמיאונגען צו אדרעסירן די באלדיגע באדערפענישן פון איסט באפעלאו, וואס זי האט אנגערופן "א דאַן פעימענט פאר די פיל גרעסערע מאס ארבעט וואס ליגט אין די צוקונפט".

די קענזינגטאן עקספרעסוועי, געבויט אין די 1950'ער און די 1960'ער יארן, האט ערזעצט דאס וואס איז בעפאר דעם געווען א לאנגע גאס מיט ביימער לענגאויס די ראוד – די היסטארישע האַמבאָלדט פארקוועי

וואס איז דעזיינט געווארן דורך פרעדעריק לאו אָלמסטעד – מיט א טיפע הייוועי וואס האט אפגעהאקט די פארבינדונג צווישן די ארומיגע געגנטער. מיט ביז אזויפיל ווי 1 ביליאן דאלאר אוועקגעלייגט דורך גאווערנער האקול פאר דעם טראנספארמאטיוון פראיעקט אין איסט באפעלאו, וועט די געגנט – וואס איז אומרעכטיג צוטיילט געווארן דורך די קענזינגטאן עקספרעסוועי'ס אריגינעלע געבוי – פאראייניגט ווערן פונדאסניי.

אלץ טייל פון די אנגייענדע פראצעדור צו ארבעטן מיט די פובליק, איז א נייע וועבזייטל געעפנט געווארן צו פארעפענטליכן אינפארמאציע איבער די קענזינגטאן עקספרעסוועי פראיעקט אפציעס. די וועבזייטל וועט ארויפגיין אויף די אינטערנעט בעפאר צוויי פובליק סקאָופינג באגעגענישן וועלכע וועלן אפגעהאלטן ווערן אום יוני 30 פון 11AM ביז 2PM און פון 5PM ביז 8PM ביי די Buffalo Museum of Science. די סקאָפינג באגעגענישן וועלן גיבן א געלעגנהייט פאר קאמיוניטי מיטגלידער צו לערנען איבער די פארשידענע אפציעס וועלכע ווערן אין באטראכט גענומען פאר דעם פראיעקט, אריינרעכענענדיג צוויי אפציעס וואס די NYSDOT גלויבט צו זיין די בעסטע יסוד צו צוריקברענגען די הייוועי אויף די זעלבע הייך ווי די ערד ארום די ראוד וואס וועט צוריקברענגען די אריגינעלע אויסקוק פון די האָמבאָלדט פארקוועי וואס אָלמסטעד האט דעזיינט.

קאמענטארן פון די פובליק וועלכע וועלן ערהאלטן ווערן דורכאויס די באגעגענישן און דורכאויס אנדערע געלעגנהייטן וועלכע וועלן געגעבן ווערן פאר די פובליק דורכאויס די ענווייראמענטאלע איבערבליק וועלן דינען אלץ אינפארמאציע פאר די NYSDOT אין דעם פראצעדור פון מאכן באשלוסן. די דעפארטמענט וועט אין באטראכט נעמען די קאמענטארן וועלכע וועלן ערהאלטן ווערן דורכאויס די סקאָופינג באגעגענישן און דורכאויס די נאכפאלגנדע 30-טאגיגע סקאָופינג קאמענטארן צייט אפשניט, און זיי וועלן גיבן זייער אנטווארט איבער וועזענטליכע קאמענטארן אין די פראיעקט סקאָופינג באריכט וואס דארף צו פארענדיגט ווערן שפעטער דעם זומער. ארבעטנדיג בשותפות מיט די פעדעראלע הייוועי אדמיניסטראציע (Federal Highway Administration), שטופט די ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט (New York State Department of Transportation, NYSDOT) פאראויס די ענווייראמענטאלע איבערבליק פראצעדור פאר דעם פראיעקט דורך אן ענווייראמענטאלע אפשאצונג וואס וועט בויען אויף די יארן וואס די NYSDOT ארבעט מיט די פובליק און אויף שמועסן מיט לאקאלע פירער וויאזוי צו פארערעכטן די אומרעכטן פון די פארגאנגענהייט פאר די געגנטער אין איסט באפעלאו אויפן בעסטן פארנעם.

די NYSDOT קוקט יעצט איבער געלעגנהייטן צו שאפן נייע אפענע פובליק פלעצער, פארמערן די זיכערהייט פון ביציקליסטן און פיסגייער און אדרעסירן גערוישן און לופט פארפעסטיגונג אלץ טייל פון דעם ענווייראמענטאלע אפשאצונג פראצעדור. די דעפארטמענט נעמט אויך אין באטראכט צו מאכן פארבעסערונגען אויף די לאקאלע געסער צו ערמעגליכן פאר קארן צו פארן זיכערערהייט אויך אינעווייניג אין די פונדאסניי-פארבינדענע געגנטער. פראיעקט גרעניצן רעכענען אריין דער מזרח גרעניץ פון איסט פערי סטריט און דער מערב גרעניץ פון בעסט סטריט. די קענזינגטאן עקספרעסוועי פירט בערך 80,000 קארן פער טאג.

**ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט קאמישאנער מערי טעריזע דאמינגעז האט געזאגט,** "גאווערנער האקול'ס איבערגעגעבנקייט צו דעם גרויסן, טראנספארמאטיוון פראיעקט צוריק צו פארבינדן און אונטערהייבן איסט באפעלאו איז אומפארגלייכליך. אזוי ווי מיר רוקן זיך פאראויס מיט דעם ענווייראמענטאלן פראצעדור, מוטיג איך די איינוואוינער פון איסט באפעלאו צו פולשטענדיג אויסנוצן די נייע וועבזייטל און אינפארמאטיווע באגעגענישן און פארזעצן צו גיבן זייערע קאמענטארן, כדי מיר זאלן קענען צוריקברענגען די שיינקייט פון די געוועזענע האָמבאָלדט פארקוועי און פיזיש פאראייניגן די קאמיוניטי."

גאווערנער האקול'ס היסטארישע 32.8 ביליאן דאלארדיגע פינף-יאריגע טראנספארטאציע דעפּארטמענט אינוועסטירונג פלאן איז אנגענומען געווארן אלץ טייל פון די סטעיט'ס פיסקאלע יאר 2023 בודזשעט רעכנט אריין ביז אזויפיל ווי 1 ביליאן דאלאר צו צוריק פארבינדן די מזרח און מערב געגנטער אויףביידע זייטן פון די טיפע טייל פון די קענזינגטאן עקספרעסוועי אין איסט באפעלאו און צוריקברענגען די גרינע שטח וואס איז געווען אויף די זייטן פון די האַמבאָלדט פארקוועי — אן מוותר זיין אויף די לאנג-טערמיניגע קאפאציטעט פון די וויכטיגע ראיאנישע טראנספארטאציע פארבינדונג וואס די עקספּרעסוועי ברענגט.

אלעס צוזאמען, רעכנט די טראנספארטאציע דעפּארטמענט'ס אינוועסטירונג פלאן אריין כמעט 3 ביליאן דאלאר פאר אינפראסטראקטור פראיעקטן וועלכע רוקן פאראויס גלייכקייט, פארבינדונג און געלעגנהייט פאר מערערע טראנספארטאציע מיטלען פאר קאמיוניטיס איבער גאנץ ניו יארק סטעיט. אין צוגאב צו דעם קענזינגטאן עקספרעסוועי פראיעקט אין איסט באפעלאו, רעכענען די פראיעקטן אריין דאס איבערבויען די Bruckner-Sheridan אינטערטשעינדזש ביי האַנטס פּוינט אין די בראנקס, איבערמאכנדיג די יעצטיגע אינערליכע הייוועי צו ווערן א גאס פאר די קאמיוניטי אין ראטשעסטער; די קאנסטרוקציע פון די I-81 קאמיוניטי גריד אין סירעקיוס; און דאס איבערדעקן טיילן פון די קראס-בראנקס עקספרעסוועי אין די בראנקס.

**סענאטאר טשאַרלס אי. שומער האט געזאגט,** "באפעלאו, מאכט אייך גרייט, ווייל ניו יארק און די פעדעראלע רעגירונג דרוקן אראפ אויפן גאז מיטן איבערמאכן די קענזינגטאן עקספרעסוועי צו צוריק פארבינדן קאמיוניטיס און משלים זיין פאר לאנגע יארן פון נישט גענוג אינוועסטירונג. מיט די ארבעט יעצט פלאנירט זיך צו אנהויבן אזוי פרי ווי 2024! עס איז וויכטיג אז די ענווייראמענטאלע אפשאצונג זאל זיין אויף א ברייטע פארנעם און אדרעסירן אלע זארגן פון די קאמיוניטי כדי צו פארזיכערן די הצלחה פון דעם פראיעקט, און איך וועל שטופן די פעדעראלע רעגירונג צו בלייבן אויפן ריכטיגן וועג כדי מערב ניו יארק זאל קענען בלייבן אויף די שנעלע ליניע מיט די טראנספארטאציע טראנספארמאציע. איינמאל דאס געשעהט, וועלן די דזשאבס קענען אנהויבן צו פליסן – און אזוי אויך די פעדעראלע געלטער פאר וועלכע איך האב שווער געקעמפט צו פארזיכערן אלץ טייל פון דעם אומפארטייאישן אינפראסטראקטור געזעץ, אינזין האבנדיג אזעלכע פלעצער ווי קענזינגטאן און מערב ניו יארק, צו העלפן אויספלאסטערן דעם וועג צו א לעכטיגערע און גלייכערע צוקונפט פאר גאנץ באפעלאו."

**סענאטארשע קירסטען דזשיליבראנד האט געזאגט,** "איך אפלאדיר גאווערנער האקול און איר אדמיניסטראציע פארן אנהויבן און פארשנעלערן די נויטיגע ענווייראמענטאלע אפשאצונג צו פונדאסניי אויספלאנירן די קענזינגטאן עקספרעסוועי. דאס איז די ערשטע טריט צו פאררעכטן די היסטארישע אומיושר און אדרעסירן די באדערפענישן פון איסט באפעלאו. איך בין איבערגעגעבן צו ארבעטן מיט גאווערנער האקול צו ווייטער אינוועסטירן אין די געגנטער וואס דארפן דאס די מערסטע."

**קאנגרעסמאן ברייען היגינס האט געזאגט,** "די קאנסטרוקציע פון די קענזינגטאן עקספרעסוועי האט געהאט א ווייטאגליכע ווירקונג אויף איסט באפעלאו, צוטיילנדיג געגנטער וועלכע וואלטן געדארפט פארבינדן ווערן דורך די אָלמסטעד פארקוועי סיסטעם. גאווערנער האקול'ס פירערשאפט וועט אונז ערלויבן צו פאררעכטן די היסטארישע עוולה. די ענווייראמענטאלע אפשאצונג און דער פראצעדור פון ארבעטן מיט די פובליק זענען א באדייטנדע טריט פאראויס אין ריכטונג פונעם שטופן פאר א פלאן וואס פארבינדט צוריק די געגנטער און אדרעסירט די באדערפענישן פון אונזער קאמיוניטי."

**סטעיט סענאטאר שאָן רייען האט געזאגט,** "די קומענדיגע עטליכע יאר וועלן זעהן באדייטנדע פארשריט פאר באפעלאו סיטי. נאך צענדליגע יארן פון אנגייענדע שאדנס צו די קאמיוניטיס וועלכע זענען צוטיילט געווארן דורך די קענזינגטאן און סקאדזשאקווידע עקספרעסוועיס, נעמען מיר ענדליך אונטער שריט צו פאררעכטן דאס וואס האט פארפלעקט אונזער גרינע שטח און צושטערט די בליק וואס

פרעדעריק לאו אָלמסטעד האט געהאט פאר די קאמיוניטי. איך באדאנק גאווערנער האקול פאר איר אנגייענדע איבערגעגעבנקייט צו באפעלאו און מערב ניו יארק, און איך קוק ארויס צו צוקונפטיגע ערגרייכונגען אין דעם פראיעקט."

**סטעיט סענאט טראנספארטאציע פארזיצער טים קענעדי האט געזאגט,** "ווען אסעמבלי מאיאריטעט פירערין פּיפּעלס-סטאָוקס, קאנגרעסמאן היגינס, באפעלאו מעיאר בראון און איך האבן זיך אנגעשלאסן מיט מיטגלידער פון די ROCC צו רופן פאר א פארשנעלערטע ענווייראמענטאלע שטודיע פון די קענזינגטאן עקספרעסוועי, האט גאווערנער קעטי האקול זיך צוגעהערט. היינט זענען זי און די DOT מקיים די צוזאג צו לייגן דעם טראנספארמאטיוון פראיעקט אלץ פריאריטעט, פאררעכטנדיג די אומרעכטן וואס האבן צוטיילט אונזער קאמיוניטי פאר צענדליגע יארן. דורכן זיך פארלאזן אויף קאמוניטי קאמענטארן צו טרייבן די פלאן פאראויס, און מיטן אוועקשטעלן א ציהל פאר ווען די שאוולעך זאלן אנהויבן גראבן אין די ערד, זענען מיר איין טריט נאענטער צו צוריקברענגען די קוואליטעט פון לעבן אין די ארומיגע געגנטער."

**אסעמבלי מאיאריטעט פירערין קריסטאל פּיפּעלס-סטאָוקס האט געזאגט,** "דאס פונדאסניי פלאנירן און איבערדעקן רוט 33 איז אן אייגנארטיגע געלעגנהייט צו אדרעסירן די שאדן פאר א דור פון יארן וואס איז אנגעמאכט געווארן דורך די קענזינגטאן עקספּרעסוועיוועג עס האט איינגעריסן אין די מארטין לוּטער קינד און העמלין פארק געגנטער. די עקספרעסוועיס האבן שוין פון לאנג אן איבערגעריסן און צושטערט אונזערע קאמיוניטיס און פארוויילונגס ערטער. אויפריכטן די קאמיוניטיס איז אן ענין פון ראסע יוסטיץ, לעבנס-קוואליטעט, ענווייראנמענטאלע געזונטהייט, און קאמיוניטי אנטוויקלונג. דאס לייגן אינוועסטירונגען אין דאס איבערמאכונג פון רוט 33 אלץ פריאריטעט וועט באדייטנד העלפן צו פאררעכטן די אומרעכטן און וועלן זיין א באדייטנדע טריט פאראויס אין די ריכטונג פון פאראייניגן געגנטער אין אונזער סיטי און היילן וואונדן וואס זענען צענדליגע יארן אלט."

**מעיאר בייראן וו. בראון האט געזאגט,** "איך באדאנק גאווערנער האקול און די NY סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט פארן פארשנעלערן דעם פראצעדור צו פאראויס רוקן די קענזינגטאן עקספרעסוועי איבערמאכונג. דער פראיעקט וועט ערלויבן באפעלאו סיטי צו אויסנוצן פעדעראלע, סטעיט און לאקאלע רעסאָרסן צו פארבעסערן האוזינג און קליינע ביזנעס אנטוויקלונג אין באפעלאו'ס טונקל-הויטיגע קאמיוניטי."

**ערי קאונטי עקזעקיוטיוו מארק פאלאנקארז האט געזאגט,** "די פארפליכטונג צו פינאנצירונג און רעסאָרסן דורך גאווערנער האקול וועט פאראויס רוקן דעם פראצעדור צו צוריקברענגען די פארקוועי און צוריק פארבינדן די קאמיוניטי. דאס איז א גאר-נויטיגער פראיעקט וואס וועט עווענטועל פאררעכטן א טעות פון די פארגאנגענהייט וואס האט צוטיילט א גאנצע געגנט אין האלב. דאס צוריקברענגען א פאנאראמישע פארקוועי וועט העלפן דינען אלץ א יסוד פאר צוקונפטיגע וואוינונג און ביזנעס אנטוויקלונגען."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418